# חג הפסח ט"ו – כ"ב ניסן תשע"ה לפ"ק

***חג הפסח***

בלילי חג הפסח זכו מספר מצומצם מבחורי אנ"ש להסב אצל הסדר של **רבינו שליט"א**. **רבינו שליט"א** השמיע לפניהם בתוך הדברי תורה דברי הדרכה והתעוררות (נדפס בגליון דברי תורה).

בקריאת התורה קרא **רבינו שליט"א** השם לבת הנולדה אצל הר"ר **משה דוד רייך** נ"ו.

**רבינו שליט"א** עבר לפני התיבה לתפלת מוסף (טל). אחר התפלה התקיים הברית של בן הר"ר **יוסף יהושע אדלער** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם.

*

***יום שני – א' דחול המועד***

אחר התפלה שימש **רבינו שליט"א** במוהלות אצל הברית של בן הר"ר **פנחס אליעזר גאדענגער** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש תורת חיים וויזניץ.

בשעות הערב הגיע **כ"ק הגה"צ מסערדאהעלי שליט"א** לביקור אצל **רבינו שליט"א**.

***וזה תוכן השיחה:***

**גאב"ד סערדאהעלי:** דער **הפלאה** (**בפנים יפות** סוף פ' בא) זאגט, ושמרת את החוקה הזאת למועדה מימים ימימה (שמות יג-י), אז עס שטייט פונעם **אר"י הק'** (הובא **בבאר היטב** או"ח סימן תמ"ז סק"א) אז אויב מען איז אפגעהיטן פון חמץ אין פסח, וועט מען זיין אפגעהיטן א גאנץ יאר פון א חטא. 'ושמרת' איז א לשון פון אפהיטן און קאנסערווירן. ושמרת את החוקה הזאת, דו קענסט אוועקלייגען די מצוה פון דעם יום טוב, מימים ימימה, אויף א גאנץ יאר.

**רבינו:** איך האב געזאגט דעם פסח, אז מען הייבט אן דעם סדר מיט 'קדש'. ווייל דער ירושלמי (פסחים י-א) זאגט, האוכל מצה בערב פסח כאילו בועל ארוסתו בבית חמיו, און דער **פרישה** (או"ח סימן תעא) איז מסביר, אז עס איז דא שבע ברכות ביז מען עסט די מצה, און אז ער עסט די מצה פריער, איז עס אן שבע ברכות. וועגן דעם, ווען מען הייבט אן תיכף, זאגט מען קדש, דו זאלסט וויסן אז די נאכט איז א חתונה, עס איז קידושין, און מען זאגט שבע ברכות. א חתן ביום חופתו איז מען דאך מוחלין לו על כל עונותיו (ירושלמי ביכורים ג-ג), דערמאנט מען אים קדש, אז היינט נאכט איז א קידושין. אבער וואס איז דער נקודה אז די אכילת מצה דאס איז דער קידושין?

**גאב"ד סערדאהעלי:** בפשטות איז דאס די ערשטע מצוה מיט וואס יודען האבן זיך מקרב געווען צום אייבערשטען. ברית מילה איז שוין געגעבן געווארן פאר אברהם אבינו, אבער פאר כלל ישראל איז דאס געווען די ערשטע זאך וואס זיי האבן געטון פארן אייבערשטען, דעמאלטס האט זיך אנגעהויבן דער קשר צווישן יודען מיטן אייבערשטען. עס איז געווען מצוה הראשונה שנצטוו בה ישראל. דער גאנצער החודש הזה לכם, איז דאך אויך נאר כדי עס זאל קענען זיין די ימים טובים. כדי עס זאל קענען זיין פסח, האט דער אייבערשטער געמוזט הייסען מקדש זיין ניסן, כדי מען זאל קענען מקיים זיין די מצות אין ט"ו ניסן.

עס איז דא א טייער ווארט פונעם **מהר"ל מפראג**, וואס ער פרעגט, פארוואס האט דער אייבערשטער געגעבן אין מצרים פונקט די צוויי מצות, פסח און מילה (עיין רש"י שמות יב-ו). זאגט דער **מהר"ל**, אז עס איז דא צוויי זאכן ביי א מענטש. ער דארף זיין א עבד, א קנעכט פונעם האר, און ער דארף דינען דעם האר. די צוויי זאכן זענען צוויי אנדערע זאכן, ער דארף זיין א 'עבד' מיט א 'עובד'. עס קען איינער זיין א קנעכט, און ער דינט נישט דעם אייבערשטען, ער איז א עבד רע, עבדא דנהום כרסיה לא שויא (גיטין יב.). נאכדעם איז פארהאן פארקערט אויך, ער איז א עובד, ער האט זייער ליב יענעם, ער טוט פאר יענעם א גוטע זאך בלב ובנפש, אבער ער איז נישט א עבד. א יוד דארף זיין צוויי זאכן, ער דארף וויסן אז ער איז א עבד פונעם אייבערשטען, און ער דארף טון צו די זאך אויך. זאגט ער, מילה דאס איז א חותם אויף יודישע קינדער, אז מען זאל דערקענען אז ער איז א עבד, יודען זענען פרישן למנתיה למעבד ליה

רעותא (אקדמות). און ער איז אויך א עובד, ווען ער וועט מאכן א קרבן פסח מיט מצה און מרור, ווייס איך אז ער האט געדינט דעם אייבערשטען. ווענן דעם האט דער אייבערשטער געגעבן די צוויי מצוות, צו ווייזן אז מען דארף זיין א עבד מיט א עובד.

**רבינו:** מען זעהט אז שבט לוי דארף אויך מקיים זיין אלע מצות פון פסח, כאטש אין שיעבוד זענען זיי נישט געווען, ווייל א עבד איז ער געווען, ער איז נאר נישט געווען א עובד. אלע זענען געווען עבדים, עבדים היינו לפרעה במצרים איז געווען פאר אלע. פרעה האט זיי נאר גע'פטר'ט אז זיי דארפן נישט טון קיין ארבעט, אבער עבדים זענען זיי נאך אלץ געווען. שבט לוי האט נאר געהאט א דיחוי.

**גאב"ד סערדאהעלי:** עס שטייט פונעם **רבי ר' אלימלך זי"ע** (**בנועם אלימלך** פ' יתרו ד"ה כי הוציא), אז מען זאגט פסח בייניאכטביים סדר, הוציאנו מעבדות לחירות וגו', ומאפילה לאור גדול, ומשעבוד לגאולה וכו'. זאגט ער, עס איז געווען אפאר דרגות. 'משעבוד לגאולה' דאס איז געווען פאר די יודען וואס זענען געווען אינעם שעבוד, און זיי האבן געארבעט בחומר ובלבנים. 'מעבדות לחירות', דאס איז געווען ביי אלע יודען, אפילו פאר שבט לוי, וואס זיי זענען נישט געווען אינעם שעבוד (שמו"ר ה-טז), אבער עבדים זענען זיי געווען, זיי האבן נישט געקענט ארויסגיין פון מצרים. משה און אהרן זענען אפילו נישט געווען קיין עבדים, אבער עס איז געווען פאר זיי פינסטער, זיי האבן זיך ארומגעדרייט אין מצרים מיט אזא חשכות, פאר זיי איז געווען 'מאפילה לאור גדול' עכדה"ק. - אף משה ואהרן כן עשו (רש"י שמות יב-כח), אלע יודען האבן געדאנקט דעם אייבערשטען דאס איז נישט קיין גרויסע חכמה, דאס פארשטייט יעדער איינער, אבער משה און אהרן וואס האבן געקענט גיין וואו זיי האבן געוואלט, זיי האבן נישט געהאט אויף זיך קיין שום שליטה, קומט אויס, איז נישט געווען אזוי גרויס די שמחה און הכרת הטוב, ווי פאר אנדערע. זאגט דער פסוק, אף משה ואהרן כן עשו, זיי האבן עס געטון פונקט אזוי ווי דער פשוטער יוד וואס האט געזען די חירות פאר זיין אויגן, און ער האט עס געטון מיטן גאנצן הארץ, אזוי איז אויך געווען משה ואהרן וואס ביי זיי איז נאר געווען מאפילה לאור גדול, עס איז נאר געווען א רוחניות'דיגער דרגא, און פון דעסטוועגן דאך, אף משה ואהרן כן עשו.

**רבינו:** איך האב געזאגט יום טוב (בליל הסדר), אף משה ואהרן כן עשו, אז עס שטייט אין **זרע ברך**, דער עלים לתרופה ברענגט עס צו, אז אלע יודען זענען ארויפגעגאנגען מאכן דעם קרבן פסח אויפן הר המוריה (כדאיתא בתרגום יונתן שמות יט-ד), אבער משה ואהרן זענען געבליבן דארט אין מצרים. עתה תראה (שמות ו-א), ולא במלחמת ל"א מלכים (סנהדרין קיא.). זאגט דער **זרע ברך**, 'וילכו ויעשו בני ישראל', יודען זענען געווען וילכו אויף ארץ ישראל, אבער 'משה ואהרן כן עשו', די עשיה האבן זיי געמאכט, אבער דעם וילכו איז נישט געווען ביי זיי.

**גאב"ד סערדאהעלי:** עס גייט מיר נישט אריין (שמשה ואהרן לא עלו לארץ ישראל יחד עם כל ישראל).

**רבינו:** האב איך געזאגט, לו יהא אז משה רבינו איז געבליבן, און ער איז נישט געגאנגען קיין ארץ ישראל, אבער ער האט נישט געהאט קיין פראבלעם מיט ארץ ישראל, ווייל ער האט געקענט ממשיך זיין די קדושה פון ארץ ישראל ווי ער איז. כלל ישראל האט געגעסן דארט אין ארץ ישראל, און משה רבינו האט געגעסן אין מצרים אין ארץ ישראל. אף משה ואהרן כן עשו, זיי זענען נישט געבליבן אליין, נאר זיי האבן דא געטון די זעלבע וואס כלל ישראל האט געטון.

**גאב"ד סערדאהעלי:** דער **חתם סופר** (פ' ראה ד"ה לא תוכל) זאגט, לא תוכל לאכול בשעריך מעשר דגנך (דברים יב-יז), זאגט רש"י, יכול אתה אבל אינך רשאי. זאגט דער **חתם סופר**, א יוד קען עסן בשעריך אויך, ער קען ממשיך זיין קדושת ארץ ישראל, קדושת ירושלים, אויף חוץ לחומה, און דארט עסן. האט ער דאך געגעסן אין ירושלים אזוי ווי דער אייבערשטער וויל. זאגט דער אייבערשטער, דו מעגסט ממשיך זיין ביז מארגען, דאס דארף מען עסן אויפן באדן פון ירושלים. יכול אתה, לעולם קענסטו עסן בשעריך, ווייל דו קענסט ממשיך זיין אהין קדושת ארץ ישראל, אבער דער אייבערשטער וויל אז דו זאלסט עס עסן דווקא אין ירושלים.

**רבינו:** עס איז פסח, קען איך נישט מכבד זיין.

**גאב"ד סערדאהעלי:** איך האב געזען אין **אמרות טהורות** פונעם **ראחמיסטריווקא רבי'ן** שליט"א (על חג הפסח), ברענגט ער דארט אין די שמועסן, אז זיין טאטע איז אמאל פסח געווען ביים **גערער רבי** (בעל **בית ישראל זצ"ל**) אויף א וויזיט. זאגט אים דער **גערער רבי**, איך וואלט אייך מכבד געווען, אבער עס איז פסח, און איך האלט אז מען 'טאר נישט' מכבד זיין. ווייל עס איז געווען ביי מיר א יוד, און איך האב אים מכבד געווען מיט א גלעזל טיי, און ער האט געטרינקען. דערנאך זאגט ער מיר בתוך הדברים, אז ער האט אין זיין לעבן נישט געטרינקען קיין טיי אין פסח. און דער **בית ישראל** האט געהאט גרויס צער דערפון. האט ער געזאגט נאכדעם, אז מען 'טאר נישט' מכבד זיין אין פסח, און נישט, אז 'מען איז נישט' מכבד.

דער אייבערשטער זאל העלפן מען זאל האבן א לעכטיגען פרייליכען יום טוב, און א לעכטיגען תמיד, מען זאל זיין געזונט און שטארק, חילך לאורייתא (ב"מ פד.).

**רבינו:** וכן למר, א פרייליכען און לוסטיגען יום טוב, מיט אלעם גוטן.

**רבינו שליט"א נתן לו ספרו החדש**
**על ל"ג בעומר ושבועות (חלק ב').**

**גאב"ד סערדאהעלי:** זייט איך האב געזען אז דו דרש'נסט בכניסת החג פון שבועות, האב איך אויך אנגעהויבן צו דרש'נען בכניסת החג, צווישן מנחה און מעריב, עס איז דאך דעם טאטנס יארצייט (ערב שבועות).

**רבינו:** איך האב אנגעהויבן צו דרש'נען בכניסת החג, ווייל דא אין וויען האט מען געדאווענט זייער פרי, האב איך געוואלט אויסציען אביסל, און אז מען רעדט אינדערמיט, קען מען עס אראפשלונגען.

**גאב"ד סערדאהעלי:** זייער חשוב, זייער חשוב. דער אייבערשטער זאל העלפן דו זאלסט קענען מזכה זיין את הרבים געזונטערהייט און פרייליכערהייט.

**ודיברו אודות הדפסת כתבי ידות של בית אבותם**

*

<u>*יום שלישי - ב' דחול המועד*</u>

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק וביקר אצל אחיו **כ"ק הגה"צ מסערדאהעלי שליט"א.**

<u>*וזה תוכן השיחה:*</u>

**גאב"ד סערדאהעלי:** עס האט מיר פארציילט דער סופר, ר' אהרן פאללאק ז"ל, אז דער **סקווירא רבי זצ"ל** האט געהאט אלטע תפלין בירושה פון רבי הערש סופר, און ער האט אמאל געלאזט רופן דעם ר' אהרן, און ער זאגט אים, אז ער האט תפלין וואס ער האט באקומען פון זיין טאטע, און ער גייט שוין דערמיט אזויפיל יארן, ער וויל אז מען זאל עס בודק זיין. האט אים רבי אהרן געזאגט, אז ער וויל עס נישט בודק זיין. זאגט אים דער **סקווירא רבי**, ווייסטו וואס, איך צינד דאך נישט אן די לעקטער ביז מנחה, דו זאלסט קומען פינף מינוט פאר מנחה, ווען עס איז טונקל אין שטוב, מען וועט נישט זעהן קיין קלייניגקייטן. האט ער אזוי געטון, ווען ער האט עס געעפענט האט ער געזעהן אז די אותיות זענען געווען זייער שיין און גוט און שטארק, איז געגאנגען דער **סקווירא רבי** און ער האט אנגעצינדען די לעקטער, און ער האט עס אדורכגעקוקט, און עס איז געווען אזוי ווי מען האט עס ווען היינט געשריבן. נאך מעריב האט ער געהייסן אז מען זאל ברענגען תיקון, און ער האט געגעבן תיקון אין בית המדרש, פון גרויס שמחה. - איך האב הנאה געהאט פון דעם, אז דער ר' אהרן האט נישט געוואלט בודק זיין די תפלין.

**רבינו:** זעהט אויס אז פאר א רבי טאר מען אויך נישט אפ'פסק'ענען זיינע תפלין. - פון די אנדערע זייט, אויב עס איז נישט גוט, איז דאך עס נישט גוט. עס מוז דאך נישט בלייבען לעולם ועד כשר'ע תפלין.

**גאב"ד סערדאהעלי:** אין בעלזא איז געווען א טלית קטן פון **רבי אהרן טשערנאבלער זי"ע**, און דער **בעלזער רב** איז קיינמאל נישט געגאנגען דערמיט, עפעס איז געווען אויף די ציצית, האט מען עס נישט אנגעטון, און מען האט עס אויך נישט געוואלט טוישן.

**רבינו:** מען האט יעצט ארויסגעגעבן א ספר **דחזיתיה לרבי מאיר**, סיפורים און ענינים פון **רבי**

**מאיר סאלאווייטשיק זצ"ל**, דעם בריסקער רב'ס זון. שרייבט ער דארט, אז דער פאטער האט געזאגט, אז מען האט אמאל געקויפט א נייע בעקיטשע פאר **רבי חיים בריסקער זצ"ל**, און ער האט עס קיינמאל נישט אנגעטון. ער האט די בעקיטשע אוועקגעלייגט, אז ווען משיח וועט קומען, וועט ער אנטקעגן גיין מיט די בעקיטשע. און די בעקיטשע איז יארן געלעגן אין שאנק, אזוי ווייט אז ביי זיין פטירה איז שוין די בעקיטשע צוגאנגען, און עס איז שוין נישט געווען ראוי צו גיין דערמיט.

**גאב"ד סערדאהעלי:** עס איז א חידוש. דער **בעלזער רב זי"ע** האט נישט געלאזט טוישן גארנישט, אפילו די שטריימעל. די חסידים האבן אים געקויפט א נייע שטריימעל און ער האט עס נישט געוואלט אנטון. ער האט געזאגט, ווען עס וועט זיין שלום אויף די וועלט, וועט ער עס אנטון. - עס איז געווען אמאל אז איינער האט אים געברענגט נייע רצועות פאר די תפלין, האט ער געזאגט מען זאל עס אוועקלייגן, און ער וועט שוין זאגן ווען מען זאל עס נוצן. דעם לעצטן פרייטאג פרשת עקב, האט ער געזאגט מען זאל אים ברענגען די רצועות, ער האט געהייסען מען זאל עס אריינציען, און ער האט עס אנגעטון. ער איז געגאנגען דערמיט נאר דאס לעצטע מאל וואס ער האט געלייגט תפלין.

ווען דער **בעלזער רב** איז געקומען קיין ארץ ישראל, האט ער נישט געוואלט אנטון די שטריימעל מיט די בעקיטשע, ביז עס וועט נישט זיין שלום אויף די וועלט. מען האט צוזאמגערופן דעם און יענעם ווער עס קען אלץ האבן א השפעה אויף אים, ביז זיי האבן געטראפן איינעם, און קוים מיט צרות האט ער מסכים געווען אנצוטון מלבושי שבת.

**רבינו:** כמדומה אז ער האט זיך נישט געשוירן די נעגל. פון די קריג אן האט ער מקבל געווען אויף זיך אבילות.

**גאב"ד סערדאהעלי:** עס איז געווען איינער וואס האט אסאך געטון וועגן די מקוואות אין ארץ ישראל, האט ער מיר געזאגט, אז ער איז אמאל געווען ביים **ליובאוויטש'ער רבי זצ"ל**, און ער האט געזען אז ער האט לאנגע נעגל. האט ער אים געזאגט, אז דער **בעלזער רב** גייט אויך מיט לאנגע נעגל. האט ער אים געזאגט, איך ווייס נישט דעם טעם פונעם **בעלזער רב**. ווי איינער זאגט, לייג מיך נישט צוזאמען מיטן **בעלזער רב**.

**רבינו:** אין די פוסקים איז משמע אז אמאל איז מען געגאנגען מיט גרויסע נעגל. מען געפונט אין הלכות נטילת ידים (או"ח סימן קסא), אז אויב עס איז העכער פון די פלייש איז עס א חציצה, היינט איז עס כמעט נישט נוגע אז די נעגל זאל זיין העכער די פלייש.

**גאב"ד סערדאהעלי:** דער **בעלזער רב** האט געגעסן מיט די הענט. אפילו די זופ וואס ער האט שוין יא געגעסן מיט א לעפל, אבער ער האט אריינגעלייגט די הענט אין די זופ און מיט די האנט האט ער ארויפגעלייגט די לאקשען אויפן לעפל, און אזוי האט ער געגעסן די צוויי דריי לעפלעך וואס ער האט שוין געגעסן. האלב פון די לעפל וואס ער האט שוין געגעסן איז אראפגערינען אויף די בארד. די ווין וואס ער האט געטרינקען, איז אראפגערינען אויף די בעקיטשע. ער האט געהאט א עקסטערע בעקיטשע צו די סעודה, ער איז נישט געגאנגען מיט א טיש בעקיטשע.

אין בעלזא פלעגט מען נישט צו וואשן דעם טלית. מען זאגט אז עס איז כדי מען זאל נישט אויסוואשן די טרערן. ווען ער איז געקומען קיין ארץ ישראל, האט ער געזאגט, אז דא לייגט מען נישט אוועק מיט קיין טלית (שאין קוברין בטלית), ממילא דא קען מען יא וואשן דעם טלית. עס איז טאקע איינע פון די סיבות פארוואס מען האט אים געלייגט אין ירושלים, און נישט אין טבריה ווי די תלמידי בעל שם ליגען, ווייל נאר אין ירושלים לייגט מען נישט מיט א טלית. ער האט געלאזט וואשן די טלית איינמאל א יאר, פאר פסח. עס איז געווען זייער א שווערע ארבעט, איינמאל האבן די גבאים געבעטן צו מען קען עס געבן צו די קלינער"ס, אז זיי זאלן עס וואשן. עס איז מער א הידור מצוה, מען קען בעסער ארויסנעמען די חמץ. האט ער געזאגט, איך קען נישט אויף די עלטער נעמען נייע 'חומרות'...

*

**גאב"ד סערדאהעלי:** מיין זון האט מיר מעורר געווען, אז עס שטייט אין **דרך פיקודיך** (מצוה ט'

חלק המחשבה), אז יעדע מצוה דארף מען טון במחשבה דיבור ומעשה. זאגט ער, אז אויב א מענטש האט נישט מכוון געווען ביי די ביעור און ביטול חמץ אז ער מאכט עס לשם שמים, האט ער טאקע מקיים געווען די מצוה, אבער עס פעלט אין חילוקא דרבנן. וואס איז די עצה, אם עדיין לא מטא זמן איסוריה, יחזור ויבטל, ויכוון לקיים המצוה כנ״ל. לכאורה דארף מען פארשטיין, ער האט דאך שוין מבטל געווען די חמץ, און ער זאגט דאך אליין, אז ער האט מקיים געווען די מצוה, עס איז נאר נישט דא דער חילוקא דרבנן, וואס האט ער דערפון אז ער גייט עס יעצט נאכאמאל מבטל זיין, עס איז גברא קטילא קטיל, עס איז דאך שוין כעפרא דארעא, וואס העלפט דאס אז ער איז נאכאמאל מבטל די חמץ. ער איז דאך שוין יעצט נישט מבטל די חמץ, עס איז שוין גארנישט.

**רבינו:** עס קען זיין אז לויט די פוסקים, איז דער ביטול ערשט חל בזמן האיסור. ווען די תורה וויל עס צוריק אריינלייגען אין זיין רשות (עיין פסחים ו:), בין איך יעצט מגלה דעת, אז איך דארף עס נישט. אבער קען זיין אז עס ווערט נישט הפקר בשעת דעם ביטול, נאר א רגע פארן זמן איסור (וכן כתוב **בשו״ת נודע ביהודה** (מהדו״ק סימן יט) על פי שיטת **הר״ן** בגדר דין ביטול חמץ ע״ש. ועיין עוד בזה **בשו״ת רעק״א** (סימן כג), **ובשו״ת אחיעזר** (ח״ג סימן א) בדעת **השאגת אריה** ע״ש).

**גאב״ד סערדאהעלי:** איך האב אנגעהויבן צו זאגן, אז ער קען צוריקציען פונעם ביטול (עיין **במשנה ברורה שער הציון החדש**, הערות וביאורים סי׳ תלד סעי׳ ב).

**רבינו:** אויב ער איז חוזר פונעם הפקר דארף ער מאכן עפעס א קנין.

**גאב״ד סערדאהעלי:** ער זאגט נאר אז עס איז ביי מיר כעפרא דארעא, און יעצט האב איך חרטה, און עס איז מיר יא חשוב. קיינער טאר נישט צונעמען דעם חמץ פון אים נאכן ביטול אויך נישט.

**רבינו:** פארוואס נישט?

**גאב״ד סערדאהעלי:** ווען איינער זאגט אז אלע מיינע געלט זאל זיין כעפרא דארעא, מעג עס איינער צונעמען?

**רבינו:** אפשר. אויב ווען ער זאגט כעפרא דארעא, מאכט עס אז עס ווערט אויס מיינס (עיין **במקור חיים** (סימן תלז) לענין ירושה אחר ביטול החמץ).

**גאב״ד סערדאהעלי:** עס ווערט נישט הפקר מיט דעם, ער איז עס נאר משבית.

**רבינו:** איין דעה איז דא (תוספות פסחים ד: ד״ה מדאורייתא) אז עס גייט צו מטעם הפקר.

**גאב״ד סערדאהעלי:** אבער לויט די טעם אז עס איז נישט מטעם הפקר, נאר די תורה האט נישט גע'אסר'ט צו האלטן אין שטוב נאר חמץ, און דאס איז נישט קיין חמץ. אבער עס איז מיינס, עס איז מיין ערד.

**רבינו:** אויב עס איז מטעם הפקר, איז עס טאקע א פראבלעם, דארף ער עס קונה זיין, אבער טאמער עס איז נאר אלץ ביטול, איז עס נאר ווען עס קומט דער זמן איסור דעמאלטס וויל ער אז עס זאל בטל ווערן כעפרא דארעא. - ער מעג עסן חמץ נאכן ביטול? ער ציהט צוריק מיט דעם, דעם ביטול?

**גאב״ד סערדאהעלי:** על פי סברא, איז ער מבטל דעם ביטול.

**רבינו:** אויב איך זאג אז דער ביטול איז ערשט חל בזמן האיסור, האט ער מעיקרא געמיינט אז עס זאל נאר חל זיין בשעת האיסור.

**גאב״ד סערדאהעלי:** עס שטייט אין שלחן ערוך (סימן תל״ד סעיף ב׳ ברמ״א) אז מען זאל מבטל זיין נאך די שריפה, כדי לקיים מצות שריפה בחמץ שלו. אויב עס איז ערשט חל שפעטער, איז דאך נישט קיין נפקא מינה ווען ער פארברענט. איז דאך יא משמע אז עס איז חל תיכף (עיין **בשו״ת מהר״ם שיק** (סימן ריד) **ובשו״ת מחנה חיים** (ח״א סימן כו) **ובשו״ת מהרי״א** (סימן קמו) שדנו בזה).

**רבינו:** קען זיין אז דאס איז נאר אויב איך לערן אז עס גייט צו מטעם הפקר. אין אלע נוסחאות שטייט די נוסח ליבטל וליהוי 'הפקר' כעפרא דארעא.

**גאב״ד סערדאהעלי:** די **טאטע ז״ל** האט געזאגט אזוי און אזוי. מען זאגט דאך דריי מאל. אמאל האט ער יא געזאגט הפקר, און אמאל נישט, די סדר געדענק איך שוין נישט. איך טו אויך אזוי. איך טראכט אלץ, צו עס הייסט נישט ווי מען ציהט צוריק. ער זאגט עס נאכאמאל איבער, און ער זאגט נישט וליהוי הפקר, איז דאך דער טייטש אז ער וויל נישט אז עס זאל זיין הפקר.

**רבינו:** ער ציהט נישט צוריק, ער וויל אז עס זאל זיין ביידע. אויב עס דארף זיין הפקר, וויל איך אז

עס זאל זיין הפקר, און אויב עס דארף זיין כעפרא דארעא זאל עס זיין כעפרא דארעא.
אויף דעם איז דא א צווייטע שמועס, אויב מען האט שוין מקיים געווען א מצוה שלא בהידור, צו מען קען עס מקיים זיין נאכאמאל בהידור. ביי נטילת אתרוג איז דא אזא שמועס. עס פארענטפערט נישט אונזער קשיא, ווייל די קשיא איז, אז עס איז נישט קיין מציאות. אבער לו יהא אז מען ווערט פארענטפערן די קשיא אז עס איז יא א מציאות, איז נאך אלץ די שאלה צו ער קען עס איבערטון. דו זאגסט דאך אז ער האט שוין יוצא געווען די מצוה פון פריער, האט ער דאך שוין יוצא געווען.
**גאב"ד סערדאהעלי:** דא איז עס נישט קיין מצוה, עס דארף נאר זיין א ביטול.
**רבינו:** ער פארלאנגט דאך א כוונה דערויף. נעמט ער דאך אן אז עס איז א מצוה. איך בין נישט יוצא ווייל עס האט מיר געפעלט די חלק המחשבה פונעם מצוה. איז די שאלה צו איך קען יעצט איבערמאכן די מצוה מיט א כוונה. איך קען נאר זאגן, אז אויב עס האט נישט געהאלפן, זאל עס יעצט העלפן. אבער טאמער דו זאגסט אז עס האט בכל אופן געהאלפן, האט ער דאך אפגעטון די מצוה. אויב דו האסט שוין געבענטשט אתרוג, קענסטו נישט נעמען די צווייטע אתרוג מיט א הידור.

*

**גאב"ד סערדאהעלי:** איך האב געזען ברענגען, אז ווען מען שרייבט חול המועד חידושי תורה, זאל מען שרייבן בצינעה.
**רבינו:** ווען א רב שרייבט ווייסט מען אז ער שרייבט נאר דברי תורה.
**גאב"ד סערדאהעלי:** מען ברענגט צו פון **רבי נתן געשטעטנער זצ"ל** (בעמח"ס **להורות נתן**), אז ער האט נישט געוואלט שרייבן חול המועד חידושי תורה, ווייל מאן יימר אז עס איז חידושי תורה.
**רבינו:** און א דבר האבוד וואס איז נישט חידושי תורה, מעג ער אויך שרייבן. ביי אים איז די זאך חשוב, און עס איז א דבר האבוד.
**גאב"ד סערדאהעלי:** קען זיין אז אויב עס איז נישט קיין תורה, האסטו דאך גארנישט פארלוירן. ער מיינט אבער אז ער האט פארלוירן, און ער וועט האבן צער פון דעם. ווער קען וויסן צו זיין חידושי תורה איז חשוב. דער **קול אריה** ווען מען האט נאכגעזאגט פון אים א שטיקל תורה אויבן אין הימל, איז ער געווען מלא שמחה (עיין בספר **תולדות קול אריה** אות ס').
**רבינו:** כל פטפוטי דאורייתא טבין (ירושלמי סוף ברכות).

**ודיברו עוד אודות אמירת שלום עליכם ושאר הזמירות בליל הסדר כשחל בשבת**

*

אחר כך ביקר **רבינו שליט"א** אצל מחותנו **כ"ק האדמו"ר ממונקאטש שליט"א.**

***<u>וזה תוכן השיחה:</u>***
**האדמו"ר ממונקאטש:** קודם וויל איך איבערגעבן א גריס פון די אייניקלעך קע"ה. מען האט נישט געדארפט מאכן די אלע זאכן כדי שלא יישנו התינוקות, זיי האבן ב"ה מיטגעהאלטן...
**רבינו:** איך קום חול המועד נאך די מיכלא דאסוותא זעהט דער רבי גוט אויס.
**האדמו"ר ממונקאטש:** ברוך ה'. מען פרעגט די קשיא, אז אין איין פלאץ שטייט אין **זוהר הק'** (ח"ב קפג:) אז עס איז א מיכלא דאסוותא, און אויף א צווייטע פלאץ שטייט (שם) אז עס איז מאכל דמהימנותא, א לחם פון אמונה. צו עס איז א סתירה צו נישט. איך מיין אז עס איז נישט א סתירה, עס איז נאר א מיכלא דאסוותא, פאר דעם וואס האט אמונה דערין.
עס שטייט אז ווער עס האט נישט געפארטיגט ביים סדר, האט צייט א גאנץ פסח צו רעדן. - אויף די ד' כוסות שטייט אין שלחן ערוך (סימן תעב סעיף י), אז ווער עס קען נישט טרינקען קיין וויין, דארף זיך שטופן און דוחק זיין, אז ער זאל יא טרינקען. דער **רמב"ם** (הל' חמץ ומצה ז-ט) ברענגט נישט דעם דין, ער ברענגט דעם אנדערן דין, אז עס דארף האבן מזיגה, כדי שתהיה שתיה עריבה, יעדער איינער לפי צרכו, כדי ער זאל קענען טרינקען. אדער איז דער פשט אז דער **רמב"ם** לערנט אויך ווי דעם אופן פון צריך לדחוק עצמו, ווייל עס קען זיין א מענטש וואס דאס איז אים אויך שווער. אדער איז עס טאקע א מחלוקת, דער **רמב"ם** האלט

נישט אז מען דארף זיך שטופען צו טרינקען שווערע וויין. עס איז דא א דין פון ד' כוסות, אבער דער דין פון יין איז יעדע מענטש לפי זיין עריבות אינעם טעם פונעם יין.

**רבינו:** די מקור דערפון איז די גמרא (נדרים מט:) אויף רבי יהודא בן אלעאי, אז עס האט אים וויי געטון די קאפ ביז שבועות.

**האדמו"ר ממונקאטש:** עס קען זיין אז עס איז געווען א מנהג חסידות. וואס אין פשטות איז דאך אזוי, עס איז נישט דא אויף יעדע מענטש א חיוב אז ער זאל אזוי טרינקען אז עס זאל בלייבן א רושם ביז שבועות. ביי אונזערע וויינען מיין איך אז עס איז אינגאנצן נישט שייך, אמאליגע וויינען האט מען געמוזט האבן מזיגה, אז נישט איז עס געווען שלא כדרך שתייתן. עס שטייט אין די גמרא (שבת כה:) אז רבי יהודה בן אלעאי איז געזעסן שבת און זיין פנים איז געווען כמלאך אלקים, דאס איז אויך נישט א חיוב אויף יעדע מענטש צו זיין אין די מדריגה. מען דארף נאר וויסן אז רבי יהודא בן אלעאי האט אזוי געטון. אלע סיפורים וואס מען דערציילט פון צדיקים, איז אויך נישט דער פשט אז יעדע מענטש קען דאס נאכטון, מען דארף עס נאר וויסן.

מען פארציילט די מעשה מיטן **צאנזער רב זי"ע** בסוף ימיו. עס איז דא פארשידענע גירסאות אין די מעשה. די מעשה האט זיך אנגעפאנגען, אז דער **צאנזער רב** האט דאס לעצטע יאר פסח ביים סדר, בשעת'ן עסן די מצה און מרור, האט ער אויסגעבראכן וואס ער האט געגעסן, און ער האט נאכאמאל געגעסן, און ער האט געזאגט, אז מען דארף האבן מסירת נפש אויך אויף א דרבנן. און מען דארף אויך האבן מסירת נפש אויף צו עסן די כורך וואס איז נאר א מנהג. שפעטער איז געווען א תוספת, אז דער צאנזער רב האט נישט געגעסן די מרור, ער האט עס אוועקגעלייגט, און ער האט געמאכט א ברכה וצונו על מצות ונשמרתם מאוד לנפשותיכם. אויף דעם איז געווארן א גאנצע בהלה, די אלע צאנזער קינדער קיינער האט נישט געהערט פון אזא זאך[א].

**בנו הרה"ג רבי חיים אלעזר שליט"א, ר"י מונקאטש:** עס איז ארויסגעקומען דעמאלטס א גילוי דעת בשם **רבי שלום אליעזר מראצפערט זי"ע** אז עס איז נישט אמת, און ער האט יא געגעסן[ב].

**האדמו"ר ממונקאטש:** די זעלבע שאלה איז אויך אויף יין, וואס עס איז צריך לדחוק עצמו, ווייס איך אויך נישט צו עס מיינט ביז מסירת נפש.

**רבינו:** מען דארף נישט ווערן קיין חולה (עיין **בשו"ת מהר"ם שיק** (סימן רס) **ובמשנה ברורה** (סימן תע"ב סקל"ה).

**האדמו"ר ממונקאטש:** אויב עמיצער קען נישט טרינקען און ער שטופט זיך, צו מען דארף האבן די חומרא אז מען טרינקט נישט רוב כוס, נאר די גאנצע כוס, ווייס איך אויך נישט.

---

[א] בספר **טעמי המנהגים** (סימן תקיט) הביא בשם ספר **הואיל משה** (הנדפס בסו"ס סימן ט) **שהרה"ק מצאנז זי"ע** היה מחמיר על עצמו תמיד במצות מרור במסירות נפש לאכול החריין בלתי נמלל, ולעת זקנתו בהגיעו לקיים מצות המרור, אחז המרור בידו ובירך עליו בשם ומלכות, ובהגיע לאמור וצונו סיים הברכה וצונו ונשמרתם מאוד לנפשותיכם, והניח מידו ולא אכל וכו'. ובקונטרס אחרון (שם) כתוב, שקיבל מכתב **מהגאון בעל פתחי זוטא זצ"ל** ששמע מכמה חסידים שהיו בצאנז בשנה האחרונה קודם פטירתו, שאמר קודם אכילת מרור, ידוע שאם יתנו לי כל חללי דעלמא לא אוכל לאכול כזית מרור, עם כל זה כיון שהוא מצוה, נהי שהוא מצוה דרבנן, הנני מוסר נפשי ואוכל, ובירך על אכילת מרור ואכל, ואחר כך בעוה"ר הקיא תיכף. וכן כתוב בספר **דרכי חיים** (שיחות ועובדות אות סח) שנטל כזיתי מצה ומרור ואכלם אף שהיה חולה מאוד ע"ש בארוכה.

[ב] בסוף ספר **דרכי חיים** שהדפיסו בעיר סאטמאר כתב המו"ל **הרה"ג רבי יעקב יצחק בהרה"צ רבי חיים הלברשטאם זצ"ל** מסאטמאר בן **הרה"ק רבי שלום אליעזר מראצפערט זצ"ל** בזה הלשון: מצוה לפרסם שמה שהדפיסו בסיפורים שונים **שרבינו הק' זי"ע** נטל בידו בפסח קודם הסתלקותו המרור, ובירך עליו וצונו ושמרתם את נפשותיכם, ולא אכל המרור, הוא שקר גמור, רק אכל המרור וגם הכורך, והודה לה' שאפילו מה שהוא רק לזכר אכל. וראה עוד בספר **רבינו הקדוש מראצפערט** (דף רמג) שהביא בשם נכדי הרה"ק מצאנז זי"ע שהכחישו עובדא זו. ובספר **שיר המעלות לשלמה** (דף קט) כתוב כן בשם **הרה"ק מוהר"ש הראשון מבאבוב זצ"ל. ובטעמי המנהגים** (דפוס אשכול) כתוב בשולי הגליון, **שהגה"ק מצאנז קלויזענבורג זצ"ל** הכחיש אימרה זו, ומי שמברך ברכה כזו הרי זה מברך ברכה לבטלה ע"ש.

**ר"י מונקאטש:** מען ברענגט א מעשה פונעם **צמח דוד**, **רבי דוד דינוב'ער זי"ע**, אז ער איז געווען א איידעם ביי א ווין סוחר, און ערב יום טוב איז ער אראפגעגאנגען אין קעלער זיך אויסוועלען א משובח'דיגע ווין פאר די ארבע כוסות. ער האט זיך אויסגעוועלט א ווין, זאגט אים דער שווער, דעם ווין קען מען נישט טרינקען, אז מען טרינקט איין כוס ווערט מען שוין... האט ער געזאגט, אז ער וויל טרינקען אלע ד' כוסות פון די ווין. און די מעשה גייט, אז ער האט געטרינקען אלע ד' כוסות פון די ווין, ולא נודע, מען האט בכלל נישט דערקענט. - צדיקים זענען אין די מדריגה, אז גארנישט האט נישט קיין השפעה.

**האדמו"ר ממונקאטש:** אז מען רעדט פון **רבי דוד דינוב'ער**, פון הייליגען **בני יששכר זי"ע** איז דא תורות אויף פסח, מען האלט אין איין איבערזאגן, אבער א עובדא ווי אזוי ער האט געפירט א סדר איז כמעט נעלם געווארן. איין זאך ווייסט מען יא, אז רוב שנים האט ער נישט געגעסן קיין ערב פסח מצה, נאר איין יאר ווען זיין זון **רבי אלעזר לאנצוט'ער זי"ע** האט אים געשיקט ערב פסח מצות האט ער געגעסן, און ער האט געזאגט יפה כח הבן מכח האב (עיין בספר **בית שלמה** מאמר 'אשכבתא דרבי' בסופו בפרטי העובדא). פונעם **קלויזענבורגער רבי** האב איך געהערט, אז ער האט געלערנט ערבי פסחים, און ער האט זיך פארלערנט, און ער האט פארפאסט זיין זמן פון באקן די מצות. א צווייטע גירסא איז דא אז א אייגענע אויוון האט ער נישט געהאט, און ער האט געברויכט אנקומען צו דעם אופה, און יענער האט נישט געוואלט הייצען ערב יום טוב, און אפילו ער האט יא געוואלט איז עס געווען קאלט, און די מצות האבן זיך געיעהרט ביז עס האט זיך אפגעבאקען, האט ער עס נישט געוואלט עסן. אין לאנצוט איז שוין געווען א גרעסערע שטאט, האט ער שוין געהאט א געהעריגע אויוון, האט ער שוין יא געגעסן ערב פסח מצות. פיר יאר איז ער געווען אין מונקאטש, איך שטעל זיך פאר אז דארט האט ער יא געגעסן ערב פסח מצה. דארט זענען געווען אסאך זידיטשובער חסידים.

**רבינו:** עס איז נישט מסתבר אז עס זאל זיין א קפידא נישט צו עסן, נאר ווען עס איז דא עפעס א חומרא דערין. דאס אז ער האט נישט געהאט א אויוון איז א מילתא דמסתבר.

**האדמו"ר ממונקאטש:** אמאל אז מען האט געדארפט א אויוון האט עס געדארפט ברענען א גאנצע נאכט, אז עס זאל זיין הייס אויף צופרי, און זעהט אויס אז מען האט עס נישט געקענט צושטעלן, די הוצאות זענען געווען אסאך.

**ר"י מונקאטש:** וועגן דעם איז אינדערהיים געווען א חשיבות דער ערשטער אויוון[ג]. היינט איז שוין נישט קיין חילוק.

**האדמו"ר ממונקאטש:** רבי ברוך יודא שניצלער דער שיבער אין סאטמאר'ער מצה בעקריי האט מיר געזאגט, אז מען זאל אים גלייבען, אז עס איז נישט קיין חילוק. ער ווארפט איבער די קוילן, און ער פארמאכט די טירן, דערווייל הייבט מען אן א נייע מיירע, און ווען מען עפענט עס, איז עס פונקט אזוי ווי דער ערשטער אויוון.

---

[ג] בהקדמת קונטרס **ויאמר יהושע** על הגדה של פסח (**להגה"צ מסאבאטהעלי זצ"ל**) כתבו בני המחבר בזה הלשון: היה מהדר לאכול כל הפסח ממצות שנאפו בערב פסח אחר חצות בתנור ראשון אם היה מספיק. ובכלל היה מקפיד שלא לאכול מצות בפסח אלא ממה שנאפה בתנור ראשון. וסיפר לנו שבשנה ראשונה לביאתו לאמעריקא, שהגיע לכאן בחודש אדר בלי מזון ומחיה ומקום פרנסה, והיה רק בית אופה אחד למצות בשכונותינו, ועל תנור ראשון של ערב פסח היו מכבר כמה חזקות של אנשים חשובים, כך שלא היה אפשרות ליקח ממצות אלו. אמנם מרוב זהירותו בדקדוקי מצוה והשתוקקותו לקיים חומרא הנ"ל שנהג בו כל ימיו, ביקש מבעל בית האופה שיסגור התנור באמצע האפיה ויפזר גחלים על פני כולו להסיקו מחדש, ויקח ממצות הנאפות תיכף אחר זה, והוא ישלם מכיסו כל סכום שהפסיד הבעל הבית על ידי ביטול מלאכה בשעה חמורה כזה. והבעל הבית קיבל הצעתו ומילא בקשתו, ולפי מצבו אז עלה זה להון עצום, אמנם בעת הגיע לחשבון התשלומים אחר יום טוב, לא לקח ממנו בעל בית האופה שום תשלום על זה, בראותו טוהר לבו וגודל תשוקתו להידור מצוה. – וסיים על זה, כי אז ראה שנתקיים אצלו בזה מה שכתוב **בסידור היעב"ץ** (ומובא **באגרא דפרקא** אות צג) כל חפצי שמים הנעשים בלב שלם מצליחין ע"ש. וכן נוהג **רבינו שליט"א** לאפות כל המצות לפסח בתנור ראשון.

עס איז דא פלעצער ווי מען איז מחמיר צוויי זאכן, איינס אז מען זאל ארויסנעמען איין מצה אויף אמאל, און נישט איין מצה אויפן צווייטען, וואס געוועגליך אין די בעקערייען טוט מען יא אזוי. חוץ ביי די חבורות ביינאכט נישט. [דאס האב איך געהערט פון **סאטמארער רבי זי"ע** אמאל, אז ער האט געזאגט, וואס קהל באקט, אויף דעם נעם איך אחריות, מען קען עסן, אבער די חבורות ווייס איך נישט, עס איז מיט חומרות, אבער נישט אויף מיין אחריות]. און די טעם דערפון איז, ווייל קען זיין אז איין מצה איז הייסער פון די אנדערע, און די צווייטע איז נאכנישט אזוי אויסגעבאקן.

**ר"י מונקאטש:** זיי האבן א חומרא אז מען זאל אויך נישט אריבערפירן איינס העכער די צווייטע אין אויוון (עיין **אשל אברהם** תנינא סימן תסא, **ובחזון איש** סימן קכ אות י"ז).

**רבינו:** דאס קען מען פארשטיין, ווייל דאס איז נאך טייג, און דאס איז שוין מצה.

**האדמו"ר ממונקאטש:** ביים ארויסנעמען איז אויך דא די חומרא. יש אומרים אז דער **בריסקער רב** האט נישט געלאזט אריינלייגען פיר פינף אויף אמאל אויך נישט, נאר יעדע מצה איז אריין עקסטער, און ארויס עקסטער.

**א' מהנוכחים:** די טעם איז אויך, ווייל אויב עס איז דא כפילות, קען עס אריבערגיין פון איין מצה צום צווייטען, וועגן דעם האט מען נישט ארויסגענומען איינס אויפן צווייטען (עיין **בחזון איש** שם).

**האדמו"ר ממונקאטש:** דער **קלויזענבערגער רבי זצ"ל** פלעגט דערציילען די מעשה פון **רבי נתן אדלער זצ"ל**, אז ער האט געבאקען מצות מיט א שמירה אויף א שמירה, און ער איז אהיימגעגאנגען מיט א גאנצע פחד, ווער ווייסט צו אלעס איז געווען בהידור. אויפן וועג האט ער געזען א יוד אזוי פריילך, ער האט מצות אויף פסח. פרעגט ער אים וואס ביסטו אזוי פריילך, זאגט ער אים, וואס הייסט דער אייבערשטער האט מיר מזכה געווען מיט מצות אויף פסח. פרעגט ער אים, דו האסט נישט מורא... און ער האט זיך תיכף צוריקגעכאפט און ער האט נישט געפרעגט. און עפעס איז געשען מיט רבי נתן אדלער'ס מצות, און ער איז געגאנגען, און ער האט זיך געטוישט מיט דעם יוד. - ער האט געוואלט ארויסברענגען א רעיון, אז דער יוד וואס באקט סתם האט אויך סייעתא דשמיא. - ביי די ליטווישע איז דא א שטיקל מילתא דבדיחותא אויף די מעשה, זיי נעמען דאך נישט אן די מעשה, זיי זאגן אז דער **בריסקער רב זצ"ל** האט געזאלט זאגן, אז דער יוד האט געוואוסט פארוואס ער פריידט זיך, ווייל ער האט באקומען **רבי נתן אדלער'ס** מצות...

**רבינו:** עס שטייט אין **אור לשמים** (פ' צו), אויפן פסוק (ויקרא ו-י) לא תאפה חמץ חלקם נתתי אותם מאשי, אז דער אייבערשטער שיקט מלאכים, וואס ווערן אנגערופן אישי, וואס זיי זאלן היטן די מצות.

**וכיבד את רבינו שליט"א לברך על הפירות**

**רבינו:** עס שטייט פונעם **גארליצער רב זי"ע**, אז ביי אלע קרבנות שטייט, 'ונאכלין' בכל העיר, 'בכל מאכל', אבער ביי פסח שטייט 'אינו נאכל' אלא בלילה, 'ואינו נאכל' אלא עד חצות, 'ואינו נאכל' אלא למנוייו, 'ואינו נאכל' אלא צלי...

**האדמו"ר ממונקאטש:** עס שטייט פון צדיקים, אז וועגן דעם מישט מען זיך אחרון של פסח, ווייל עס איז דא א קיטרוג אויבן אין הימל, אז יודען עסן נישט איינער ביים אנדערן. וואס ביסטו מער יחסן פון יענעם, אבער אחרון של פסח איז דער תיקון אויף דעם.

**ר"י מונקאטש:** איך בין אמאל פסח געווען מיטן טאטן ביים **סקולענער רבי זצ"ל**, און דער **סקולענער רבי** האט געזאגט מיט וואס קען איך מכבד זיין, פסח קען מען זיך מען נישט מישן. האט ער געזאגט, איך האב געמאכט א נייע ניגון אויף פסח, איך וועל מכבד זיין מיט דעם ניגון, און ער האט אנגעהויבן צו זינגען א ניגון.

**האדמו"ר ממונקאטש:** ער האט מיך נישט געלאזט אויסרעדן, אז ביים **סקולענער רבי'ן** וועל איך מיך יא מישן...

**והמשיך האדמו"ר ממונקאטש:** עס איז א מעשה פלא, איך האב נישט אויפגעכאפט דעם ניגון, צו ווייל עס איז געווען א שווערע ניגון. עס איז אדורכגעגאנגען א שטיק צייט, עס איז געווען אחר פטירתו, סוכות בין איך געשלאפן אין די סוכה, און איך חלום זיך מיטן **סקולענער רבי זצ"ל**, און ער ווייזט מיר מיט די הענט, אז איך

האב אייך מכבד געווען מיט א ניגון, און מען זינגט עס נישט.
**ר"י מונקאטש:** ער האט געזאגט, מען טאר נישט פארגעסן דבר אחד ממשנתו, א ניגון איז אזוי ווי דברי תורה. מען האט דעמאלטס מברר געווען די ניגון, און מען האט עס געזינגען אין די סוכה יענעם יום טוב.
**האדמו"ר ממונקאטש:** עס איז געווען דאכט זיך מיר א פסח'דיגער ניגון.
**רבינו:** וויפיל סדרים איז מען געווען ביים **סאטמאר'ער רב זי"ע.**
**האדמו"ר ממונקאטש:** איך בין געווען ביים **סאטמאר'ער רבי** ביי די סדרים דריי יאר. לפי ראות עיני, איז עס געווען צוטיילט אין צוויי. די ערשטע חלק, ביז נאך די ארבעה בנים, איז געווען א פנים שוחקות, יום טוב'דיג, פריילין, ער האט געזאגט תורות כדרכו, עס האט געקענט זיין מיט א שטעך, אזוי געטייטשט א מדרש מיט א פריילין פנים. די ברכה אשר גאלנו וגאל את אבותינו וכו' כן יגיענו למועדים ולרגלים אחרים.. איז געווען מיט בכיות נוראות, כמעט ווי ביי נעילה. עס איז שווער געווען צו גלייבן אז דא איז דער זעלבער מענטש ווי מיט א האלבע שעה צוריק. די ברכה דאס איז געווען דער סדר.
ער האט געהאט די חומרא, אז ער האט נאר געגעסן מצה בתחלת הסעודה. ער האט גענומען א גרעסערע כזית צו אכילת מצה, און נאכדעם האט ער אוועקגערוקט די מצה טאש אין א זייט, ווייט פון אים, און מער האט ער נישט געגעסן דערפון בשעת די סעודה. - ער האט געהאט א חשבון אויפן כזית ווילאנג ער האט עס געגעסן, עס זאל זיין אינעם שיעור אכילת פרס. דאס איז געווען פרייטאג צו נאכטס אויך, ער פלעגט צו קוקן אויפן זייגער. אויב מען האט אים געשטערט פלעגט ער קלאפן אויפן טיש נו, נו.. אן אנדערע מאל האט ער נישט אזוי מקפיד געווען, אבער ביי די כזיתים פסח, און אויך פרייטאג צו נאכטס, פלעגט ער מקפיד זיין עס זאל זיין שטיל, און מען זאל אים נישט שטערן.
פון ווען ער האט אנגעפאנגען שלום עליכם ביים טיש שבת, פלעגט ער נישט קיינעם באגריסן, קיין געסט, בעלי שמחה וכדומה, ער איז געווען זייער אנגעשטרענגט. נאך די פיש איז געווארן פנים חדשות, ער פלעגט צו דערקענען דעם און דעם, ער פלעגט שוין באגריסן...
**ר"י מונקאטש:** דער מחותן געדענקט דאך אויך די טישן.
**רבינו:** וועגן דעם האב איך הנאה עס צו הערן, ווייל איך האב אויך געהאט די זעלבע הרגשה.
ווי אזוי איז געווען די הלל נאכדעם ביים סדר?
**האדמו"ר ממונקאטש:** ער האט שיין געזאגט, מיט א תנועה, עס איז נישט געווען די פנים שוחקות ווי אין אנהייב. ביי נשמת האט ער זיך אויך צופייערט אביסל, ער האט עס געזאגט מיטן זעלבען נוסח פון שבת, ער האט אנגעהויבן פון עד הנה. די לעצטע שטיקלעך האט ער נישט געזינגען נאר געזאגט, ער האט שוין געדרומעלט אביסל.
**האדמו"ר ממונקאטש:** דער באשעפער זאל העלפן, אז מען זאל זעהן אסאך נחת ביי די אייניקלעך, און זיי זאלן אויסוואקסען בתורה וביראת שמים.
**רבינו:** אמן. מען זאל זיך צוזאמקומען נאר מתוך שמחה.

*

אחר כך ביקר **רבינו שליט"א** אצל **כ"ק הגה"צ גאב"ד קארלסבורג שליט"א.**

***וזה תוכן השיחה:***

**רבינו:** ווי אזוי שפירט זיך דער רב?
**גאב"ד קארלסבורג:** כמעשה, בחסד.
**רבינו:** אין חיצוניות זעהט דער רב גוט אויס, אין פנימיות אוודאי.
**גאב"ד קארלסבורג:** דער אייבערשטער זאל העלפן. מען עסט דאך יעצט די מיכלא דאסוותא, איז דאס אויך א רפואה. איך האב געלערנט יעצט דעם שיעור אין סטאלין (במסגרת ארגון שיעורי תורה).
**רבינו:** וועלכע ענין האט דער רב גערעדט?
**גאב"ד קארלסבורג:** מען האט געפרעגט א שאלה, אז אין אונזערע קהלות לייגט מען נישט קיין תפלין אין חול המועד, און איינער לייגט יא תפלין, צו זאל ער לייגן תפלין אין בית המדרש, וואו עס גייט אן לא תתגודדו (דברים יד-א), אדער זאל ער לייגן אינדערהיים. איך מיין, אז עס

הייסט נישט אז ער גייט אקעגן בית דין, און ער קען בלייבן אין בית המדרש און לייגן תפלין. נאר ווען עס איז דא אטייל וואס לייגן יא, און אטייל נישט, דעמאלטס איז א פראבלעם, אבער ווען א יחיד לייגט תפלין, הייסט עס נישט אז מען גייט אקעגן בית דין.

**רבינו:** ווי אזוי פירט מען זיך, ווען איינער ווערט בר מצוה חול המועד?

**גאב"ד קארלסבורג:** ביי אונז לייגט מען נישט חול המועד, מעןווארט אויף נאך יום טוב. אזוי ווי אונז לייג מיר נישט תפלין חול המועד, איז עס אזוי ווי איינער וואס ווערט בר מצוה אין שבת.

**רבינו:** ביי א ברית מילה טוט זיך אויך, צו מען זאל אנהאבן די תפלין, וועגן צוויי אותות.

**גאב"ד קארלסבורג:** יא, שבת און יום טוב איז דאך אליין א אות.

**רבינו:** עס איז דא וואס האבן זיך געפירט אז בחורים האבן יא געלייגט תפלין חול המועד.

**גאב"ד קארלסבורג:** דאס איז א צווייטע זאך, דער **דברי חיים זי"ע** האט אזוי געהייסן, אבער די חסידישע וועלט האט נישט אזוי אנגענומען.

**רבינו:** ווען מען ווערט בר מצוה שבת, לייגט מען תפלין זונטאג אדער ערב שבת?

**גאב"ד קארלסבורג:** זונטאג, מען האט נישט מקדים געווען.

**רבינו:** וואס איז די הסבר אז דער **דברי חיים** האט יא געהייסען אז בחורים זאלן אנטון תפלין חול המועד?

**גאב"ד קארלסבורג:** די **רמ"א** פסק'נט אין שלחן ערוך (או"ח סימן לא סעיף ב) אז מען זאל לייגען תפלין. די בחורים דארפן טון וואס עס שטייט אין שלחן ערוך. מילא א יוד וואס לייגט רבינו תם תפלין, ער פארשטייט שוין אביסל, אים קען מען זאגן עס איז איין אות צו צוויי אותות. אין די צייטן פונעם **דברי חיים** איז געווען אסאך יודען וואס האבן נישט אנגעטון קיין רבינו תם תפלין.

**רבינו:** אינדערהיים האבן רוב יודען געלייגט תפלין חול המועד?

**גאב"ד קארלסבורג:** די אשכנזים האבן דאך אלע געלייגט תפלין. און די חסידישע יודען וואס זענען געווען צווישן די אשכנזים האבן אויך געלייגט תפלין. נאר דארט וואו עס איז געווען חסידישע שטיבלעך, דארט האט מען נישט געלייגט, אבער רוב שטאט האט געלייגט. אפילו תפלין דרבינו תם האבן אויך נאר געלייגט די חשובע יודען, אבער סתם בעלי בתים האבן נישט געלייגט קיין רבינו תם, נאר זיי האבן געטון אזוי ווי עס שטייט אין שלחן ערוך, האבן זיי אויך געלייגט תפלין אין חול המועד. נישט צו לייגן תפלין חול המועד איז שוין חסידישע זאכן.

די זעלבע זאך איז מיט נישט עסן קיין געבראקטס, די רבנים האבן יא געגעסן, און זיי האבן אויך געגעסן מאשין מצות. היינט איז שוין בעסער די מאשין מצות פון וואס עס איז געווען אין יוראפ, ווייל דעמאלטס האט עס נישט געארבעט מיט לעקטער, עס איז געווען מיט כח אדם, איינער האט געדרייט, און ווען עס איז ארויסגעקומען האט מען עס געדארפט שניידן, און איינער האט עס אריינגעשיבט אין אויוון. אבער היינט גייט עס אסאך שנעלער, פון ווען מען לייגט אריין די מעל, ביז צוויי מינוט קומט שוין ארויס אפגעבאקענע מצות.

**רבינו:** ונאכל שם מן הזבחים ומן הפסחים, מיר זאלן זוכה זיין עס צו עסן דארט.

**גאב"ד קארלסבורג:** דער רב איז דאך א כהן, א כהן דארף זיך שוין צורישן.

**רבינו:** מיר האבן נישט קיין פראבלעם. מען וועט זיין צוזאמען מיטן רב, און דער רב וועט זאגן וואס מען זאל טון...

**גאב"ד קארלסבורג:** די גמרא (פסחים סד:) דערציילט, אז איין מאל האט מען געציילט וויפיל כליות עס איז געווען פון די קרבן פסח, און עס איז געווען כפלים כיוצאי מצרים. וויפיל מענטשען האבן שוין געקענט אריינגיין אין בית המקדש? א קרבן האט מען דאך געדארפט שחט'ן אין די עזרה, ווי האבן געהאט פלאץ הונדערטער טויזנטער מענטשען? עס איז טאקע געווען דריי כתות, אבער ווי גרויס איז שוין געווען די עזרה. עס מוז זיין אז עס איז געווען אינו מן המנין, אזוי ווי די גמרא (יומא כא.) זאגט אז מקום ארון אינו מן המדה, איז דעמאלטס יעדער אריין, די עזרה איז גרעסער געווארן. אויפן **חתם סופר** זאגט מען דאך, אז ביי זיין שיעור צימער איז אזוי געווען (הגה"ק **משאמלויא זצ"ל** בהסכמתו לספר זכרון למשה). מען האט דאך געדארפט שפריצן די בלוט פון יעדע

קרבן אויפן מזבח כנגד היסוד, עס איז געווען שורות שכולו זהב און שורות שכולו כסף, וויפיל שורות האט שוין געקענט זיין.

**רבינו:** די מפרשים זאגן, אז די חידוש איז נאך שטערקער, ווייל ביים פסח ראשון איז נישט געווען מער פון אהרן מיט זיינע צוויי קינדער, פנחס איז נאר נתכהן געווארן שפעטער. וואס האט מען געטון ערב פסח, דריי מענטשען האבן געדארפט מקריב זיין די קרבנות פאר ששים רבוא יודען.

**ובירכו רבינו:** דער אייבערשטער זאל העלפן, מען זאל האבן א פריילעכן לוסטיגן יום טוב ווייטער אויך, מיט אריכת ימים ושנים, מען זאל זיך קענען צוזאמקומען אויף שמחות אי"ה. איך דארף א גוטע ברכה פונעם רב.

**גאב"ד קארלסבורג:** דער אייבערשטער זאל העלפן, מען זאל זוכה זיין קענען מרבה זיין תורה מיט נחת פון די תלמידים, און הרחבת הדעת. דער אייבערשטער זאל העלפן, אז עס זאל זיין, עוד ינובון בשיבה דשנים ורעננים, מיט שיינע דורות מתוך שמחה ונחת.

**רבינו:** אמן. דער רב זאל אויך זיין געזונט און שטארק, און קענען מרביץ תורה זיין מתוך נחת און הרחבת הדעת, מתוך שמחה וטוב לבב.

*

כמו כן ביקר **רבינו שליט"א** אצל ש"ב **הגה"צ רבי פרץ טובי' דייטש שליט"א** אב"ד חליסה.

בשעות אחר הצהרים הגיע **כ"ק האדמו"ר מוויזניץ-וומסב"ג שליט"א** לביקור אצל **רבינו שליט"א**.

***<u>וזה תוכן השיחה:</u>***

**רבינו:** מען פירט טיש חול המועד?

**האדמו"ר מוויזניץ-וומסב"ג:** נאר ביינאכט. דער טאטע האט געפירט בייטאג אויך.

**רבינו:** דער **סאטמארער רב זי"ע** האט בכלל נישט געפירט טיש חול המועד פסח. ביינאכט האט ער זיך אויך נישט געוואשן, נאר בייטאג האט ער געגעסן א סעודה, אבער נאר אין שטוב.

**האדמו"ר מוויזניץ-וומסב"ג:** מיין טאטע פלעגט צו גיין חול המועד צום **סאטמארער רב'ס** טיש.

**רבינו:** חול המועד סוכות פלעגט צו זיין א טיש בייטאג און ביינאכט.

*

**האדמו"ר מוויזניץ-וומסב"ג:** איך האב שוין באקומען א ברכה (בעת **שרבינו שליט"א** נתכבד במוהלות בבית מדרשו ככלות השבעה), אבער מען זאגט נאך א ווארט, אז עס שטייט אין רש"י (בראשית כח-יז) אז יעקב איז אדורכגעגאנגען אויפן מקום המקדש, און ער האט געזאגט אפשר שעברתי על מקום שהתפללו אבותי ולא התפללתי, יהב דעתיה למהדר. פרעגן די ספרים, פארוואס טאקע ווען ער איז אדורכגעגאנגען האט ער נישט מתפלל געווען במקום אבותיו. זאגן זיי, ווייל ער איז סייווי אדורכגעגאנגען דארט. האט ער געזאגט, ווייל איך גיי סייווי אדורך, וועגן דעם זאל איך מתפלל זיין?! איך וויל דירעקט אהין גיין. אמר, ער האט געזאגט, אפשר 'שעברתי' על מקום שהתפללו אבותי, ווייל איך בין אדורכגעגאנגען על מקום שהתפללו בו אבותי, וועגן דעם וועל איך דאווענען, ניין. איז ער געגאנגען ווייטער, און ער איז צוריקגעקומען ספעציעל. - איך האב געוואלט דירעקט קומען נעמען א ברכה.

מען זאגט נאך אויפן **אמרי חיים זצ"ל**, ווען ער איז געפארן קיין ארץ ישראל, און עס זענען געקומען אסאך יתומים, און זיי זענען געשטאנען ארום אים, האט ער געזאגט, אז עס שטייט אין תהלים (קכח-ג) בניך כשתילי זיתים סביב לשלחנך, הנה כי כן יבורך גבר ירא ה'. האט ער געזאגט, רבונו של עולם, בניך כשתילי זיתים סביב לשלחנך, דיינע קינדער קומען ארום דעם טיש, און זיי ווילן עפעס הערן, זיי ווילן עפעס מקבל זיין, בעהט איך דיר, הנה כי כן, אויב עס איז יא אזוי, יבורך גבר, בענטש דעם גברא, ירא ה', אז ער זאל קענען זיין א ירא ה', אז דער עולם וואס קומט, און זיי ווילן מקבל זיין, זאל מען זיי קענען משפיע זיין.

איך געדענק ווען דער טאטע איז געקומען צום רב, ווען מען איז געווארן רב אין וויען.

**רבינו:** ער האט מיך שטארק צוגערעדט ווען איך בין געווען ביי אים פארדעם זיך אדורכצושמועסן.

**האדמו"ר מוויזניץ-וומסב"ג:** מען זעהט דאך אז מען האט ב"ה גוט געראטן...

**רבינו:** דאס וועט מען וויסן אויבן...

**האדמו"ר מוויזניץ-וומסב"ג:** דער עולם וויל הערן. זיי זענען צמאים לדבר ה'.

**רבינו:** איך האב געטראכט, יעקב אבינו האט געזאגט, אפשר שעברתי על מקום שהתפללו אבותי. דער פלאץ איז דאך געווען די מקום המקדש, און דעם פלאץ ווי מען האט געברענגט יצחק אויף די עקידה, און אדם הראשון האט מקריב געווען דארט א קרבן, אבער נישט דאס האט אים געקווטשט. נאר אז עס איז א 'מקום שהתפללו בו אבותי', דא האט ער געדאווענט. און אויף דעם האט ער נישט מוותר געווען, אז ער זאל נישט דאווענען על מקום שהתפללו אבותי.

**האדמו"ר מוויזניץ-וומסב"ג:** דא אין אמעריקא, איז דער איינציגסטער בית המדרש וואס איז היינט א וויזניצער בית המדרש וואס דער זיידע ז"ל האט געדאווענט מלכיות זכרונות שופרות, איז אין זעקס ליע עוועניו. תשי"ח האט ער דא געדאווענט. דעמאלטס האט מען באנייט דעם בית המדרש. הגם מען האט עס איבערגעבויט, עס איז א פנים חדשות, אבער דעם מזרח וואנט האט מען איבערגעלאזט.

**רבינו:** די ערד איז נאך געבליבן. די קדושה גייט ארויף און אראפ. אין בית המקדש איז דאך אזוי געווען. להבדיל ביי טומאה שטייט, אז עס בוקעת ועולה בוקעת ויורדות.

**האדמו"ר מוויזניץ-וומסב"ג:** עס איז דא א מעשה, אז דער **צמח צדיק** איז געגאנגען אויף א וויזיט צום **צאנזער רב**, און דער **צאנזער רב** האט דעמאלטס געהאט ביי זיך איינע פון די גדולים, און בשעת דער **צמח צדיק** איז געקומען, האט דער **צאנזער רב** אזוי געלאזט יענעם אינדערזייט, און ער האט מקבל פנים געווען דעם **צמח צדיק**. און יענער האט געהאט אזוי חלישות הדעת, אז ער לאזט אים איבער און ער רעדט מיטן **צמח צדיק**. שפעטער האט מען געזאגט פארן **צאנזער רב** אז יענער האט חלישות הדעת אז מען האט אים איבערגעלאזט. האט דער **צאנזער רב** געזאגט, אז עס איז דא צוויי בערג. דער הר סיני וואו דער אייבערשטער האט געגעבן די תורה, און דער הר המוריה וואו יצחק האט זיך געלאזט שחט'ן פארן אייבערשטען. ווען עס איז געקומען צו בויען דעם בית המקדש, האט מען געבויט דעם בית המקדש אויפן הר המוריה. לכאורה פארוואס אויפן הר המוריה, אויפן הר סיני האט מען דאך געגעבן די תורה. איז א סימן אז א פלאץ וואו א יוד איז גרייט זיך צו לאזן שחט'ן פארן אייבערשטען, איז א גרעסערע מדריגה ווי דער בארג סיני. האט ער געזאגט אויפן **צמח צדיק**, אז ער איז מוכן ומזומן שטענדיג זיך צו לאזן שחט'ן פארן אייבערשטען, איז עס ביי אים געווען א חשיבות (עיין **בשמן ראש** ח"ט דברים דף קכ בביאור הדברים).

**רבינו:** עס שטייט אין מדרש (ילקוט רות אות תרב), אז ביי מתן תורה איז הר המוריה נעקר ממקומו, און עס איז געקומען אויף הר סיני. קומט אויס, אז בשעת מען האט געגעבן די תורה, האט מען געגעבן די תורה סיי אויפן הר סיני און סיי אויפן הר המוריה, האט דער הר המוריה געהאטביידע מעלות. ער האט געהאט תורה אויך.

**האדמו"ר מוויזניץ-וומסב"ג:** אין התורה נקנית אלא במי שממית עצמו עליה (ברכות סג:). עס דארף זיין מסירת נפש פאר תורה אויך.

**רבינו:** די גמרא (שבת פח.) זאגט, אז פאר מתן תורה, כפה עליהם הר כגיגית. בפשטות לערנט מען, אז ער האט אויפגעהויבן דעם בארג 'סיני', און ער האט עס כופה געווען כגיגית. איך האב אמאל געזען שטיין, אז דער פשט איז, אז ווען ער האט עוקר געווען הר המוריה, און הר המוריה איז געקומען צו הר סיני, איז דאך עס געקומען אין די לופט, און בעפאר מען האט אראפגעלייגט דעם הר המוריה אויפן הר סיני, האט ער דעם 'הר המוריה' כופה געווען כגיגית, און ווען מען האט מקבל געווען די תורה האט זיך דער הר המוריה אוועקגעריקט, און עס איז ארויפגעגאנגען אויפן הר סיני. - על כל פנים אז די תורה האט מען געגעבן אויף ביידע, האט דאך דער הר המוריה געהאט א חשיבות פון ביידע צדדים.

עס וואלט געפאסט מכבד צו זיין, אבער עס איז פסח.

**האדמו"ר מוויזניץ-וומסב"ג:** איך וועל נעמען א ברכה.

**רבינו:** דער אייבערשטער זאל העלפן ווייטער אויך, אז מען זאל קענען מרביץ תורה זיין, און מצליח זיין, און זיין א גוטער שליח פארן גאנצן כלל ישראל. מען זאל נושא חן זיין, און האבן ברכה והצלחה אין אלע ענינים.

**האדמו"ר מוויזניץ-וומסב"ג:** אמן. זכות אבות זאל צוהעלפן.

*

***<u>יום רביעי – ג' דחול המועד</u>***

בשעות הצהרים הלך **רבינו שליט"א** לביקור אצל **כ"ק האדמו"ר מקאלוב שליט"א ולרפו"ש.**

***<u>וזה תוכן השיחה:</u>***

**האדמו"ר מקאלוב** (כתב במכשיר מיוחד): ברוך הבא. שמח מאוד מאד מאוד לראותכם. והשי"ת יעזור דתזכו לראות הרבה הרבה נחת והצלחה ושמחות ובשורות טובות, ולהרבות גבולי תורה הקדושה והמצוות מאוד מאד, והרבה נחת מכל יוצ"ח, וחג כשר ושמח בעזרת השם יתברך.

**רבינו:** עס איז ביי מיר זייער חשוב די ברכה פונעם רבי. איך זעה שטענדיג די חידושים וואס קומען ארויס, וואס ווערט געדרוקט אויף דעם וועג. מען הערט אז דער רבי טוט אסאך פאר די בוכארישע קינדער, און אין פראנקרייך וואס מען טוט אויף. דער באשעפער זאל געבן די כוחות אז מען זאל קענען ווייטער אנגיין און אנהאלטן דערמיט. און מען זאל קענען ווייטער מרחיב זיין די גבולי הקדושה מיט הרחבת הדעת. מען זאל קענען אויפטון, להגדיל תורה ולהאדירה. דער יום טוב איז דאך מיכלא דאסוותא, זאל עס ברענגען רפואות און ישועות. מען זאל זיין געזונט און שטארק אויף אלע רמ"ח אברים ושס"ה גידים. מען זאל זיך קענען צוזאמקומען נאר פרייליכערהייט.

**האדמו"ר מקאלוב:** הייתי מאוד מאד מאוד קרוב לכ"ק אביכם זי"ע.

**רבינו:** דאס גייט שוין צוריק מיט פערציג יאר. איך וויל וואונטשען א גוט יום טוב מיט בריאות השלימות, מען זאל קענען ווייטער מרחיב זיין די גבולי הקדושה, אלעס זאל גרינג אנקומען. די זכות פון די אבות זאלן מגין זיין, און מיר זאלן זיך קענען צוזאמקומען מתוך שמחה.

בשעות אחר הצהרים הלך **רבינו שליט"א** לביקור אצל **הגה"צ רבי יצחק מאשקאוויטש שליט"א** אב"ד נייטרא וומסב"ג, ואצל **כ"ק האדמו"ר מסאטמאר שליט"א**, ואצל **כ"ק האדמו"ר מדינוב שליט"א** (תוכן השיחות יובאו בעזהשי"ת).

*

***<u>שביעי של פסח</u>***

בליל שביעי של פסח ערך **רבינו שליט"א** את השלחן בבית מדרשנו. אחר שזימרו ניגונים לכבוד החג השמיע **רבינו שליט"א** דברי תורה בענין ניסי קריעת ים סוף, וגודל מעלת השירה להשי"ת. אחר כך עמד **רבינו שליט"א** לאמירת השירה פסוק בפסוק, ובסיום השירה רקדו כל הקהל ניגוני שמחה לכבוד היום. אחר ברכת המזון עברו קהל אנ"ש לקבל מצה (ביזת הים) מאת **רבינו שליט"א.**

אחר התפלה הלך **רבינו שליט"א** לבקר אצל הר"ר **ישראל אליעזר ווינער** הי"ו.

*

***<u>שבת קודש – אחרון של פסח</u>***

אחר התפלה הלך **רבינו שליט"א** לבקר אצל הר"ר **אברהם חיים שטערן** הי"ו.

בשעות הערב נטל **רבינו שליט"א** ידיו לסעודה שלישית ונעילת החג. אחר שזימרו ניגוני סעודה שלישית, המשיכו לזמר כל סדר ההגדה, ואחר כך ניגוני התעוררות ודביקות.

**רבינו שליט"א** השמיע דברות קודש בגודל השראת השכינה ששורה בימי הפסח ועולה במדרגות נעלות במשך החג בהשגה יתירה לידע את חובתו בעולמו, ולעבוד את ה' בלבב שלם. ולהתעצם באמונה שלימה כי ה' נצב עליו, ולית אתר פנוי מיניה, ומזה יגיע אליו היראה וההכנעה בפחד ה' ובשתו ממנו תמיד. והמאמין מרגיש בכל מאורע ומצב כי מאת ה' היתה זאת, מקור הטוב והחסד, ומקבל הכל בשמחה. ובצאת החג מתפללים כאשר זכינו לסדר אותו כן נזכה לעשותו, לקיים בפועל סגולת המצות מיכלא דמהימנותא, שילוה אותנו כל הימים.

**רבינו שליט"א** המשיך את דבריו בדברי מוסר והדרכה לימי הקיץ, בזהירות שמירת העינים, ובלבישת בגדי צניעות לנשים וילדים, והתרחקות מכלי הטעכנאלאגיע, ולהשתדל שכאשר אינו נמצא במקום פרנסתו יסתובב רק בסעלפאון פשוט, קביעות עתים לתורה, וביותר במסגרת קבוע ולקיחת הבחינות, תפלה במתינות ברחמים ותחנונים לפני המקום. וזה תוכן הדברים: מען גייט אריין אין די זומער'דיגע טעג, די נסיונות פונעם זומער ווייסט יעדער איינער, איז אסאך גרעסער ווי א גאנץ יאר. די שמירת עינים וואס מען דארף האבן זומער, איז אסאך מער ווי מען דארף האבן א גאנץ יאר. אבער אז מען נעמט מיט זיך דעם פסח, אז ולא יראה את פני ה' ריקם, מען ווייסט אז עס איז נישט דא קיין פלאץ וואו עס איז ריקם פון פני ה'. וואו מען איז, איז דער רבונו של עולם דארטן. עס איז נישט דא קיין פלאץ ווי א מענטש קען זאגן דא בין איך פריי, דא קען איך טון א זאך וואס איך האב נישט געקענט טון אינדערהיים. א יוד דארף מיטנעמען דעם רבונו של עולם, ווי ער איז, איז ער מיטן אייבערשטן. אין די ערשטע סעיף אין **שלחן ערוך** שטייט, שויתי ה' לנגדי תמיד, גלייבן אז וואו איך בין איז דער אייבערשטער דארטן. דער לשון פון **רמ"א** איז, אז דאס איז א מעלה נישט נאר פאר פשוטע אידן, נאר אויך פאר צדיקים. ווען ער האט פאר זיך דעם שויתי ה' לנגדי תמיד, רעדט ער נישט, און ער פירט זיך נישט אויף, ווי ווען ער זיצט מיט זיין בני בית, און די לשון פון **רמ"א** איז, [ער ברענגט עס צו פונעם **מורה נבוכים** (ח"ג פרק כב)], אז ווען א מענטש פירט זיך אזוי, וועט ער זיין נכנע אונטערן אייבערשטן, און ער וועט זיך שעמען שטענדיג פארן רבונו של עולם, אז דער אייבערשטער איז עומד כנגדו און שטייט דארטן נעבן אים. דאס דארף מען וויסן ווען עס קומט דער זומער, זיך צוגרייטן פארדעם, וויסן אז מען דארף ארבעטן אויף שמירת עינים, עין רואה ולב חומד, ווילאנג מען האט נישט קיין עין רואה איז נישט דא קיין עבירה, אלעס הייבט זיך אן מיט ראיית עינים, און דאס ברענגט נאכדעם דעם לב חומד.

**צניעות** פאר נשים. מען זאגט אז עס קומט אריין קליידער וואס איז נישט אויסגעהאלטן ווי עס דארף צו זיין. מען דארף זיך אנגרייטן פארדעם און וויסן אז עס קומט א נסיון, און יעדער ביי זיך אין שטוב דארף מעורר זיין דערויף, אז ווען מען קויפט א קלייד זאל מען וויסן אז עס זאל זיין אויסגעהאלטן ווי די הלכה פארלאנגט. **אפילו פאר קינדער, פאר יונגלעך, די מאדע וואס קומט ארויס יעצט איז, אז אלע קליידונגען זענען זייער געפיטעד"ט, די הויזן זענען זייער שמאל און ענג, עס איז נישט קיין יודישער לבוש אזוי צו גיין, מען דארף קויפן ענדערש מיט א סייז גרעסער, מיט צוויי סייזעס גרעסער.** על כל פנים לייגן א געוויכט דערויף, וויסן וויאזוי מען דארף אנצוטון די קינדער, אז זיי זאלן זיין אויסגעשטעלט אויף א וועג פון צניעות.

**טעכנעלאגיע** דארף מען דאך נישט רעדן, מען האלט דאך און איין רעדן דערפון. סור מרע, א איד דארף נישט האבן קיין שום שייכות מיט טעכנעלאגישע כלים, אפילו מען דארף עס אמאל האבן לצורך פרנסה וכדומה, דארף עס זיין עקסטער נאר פאר פרנסה אליין, **מען זאל נישט ארומגיין מיט קיין סמארט-פאונס, נאר האבן פאר זיך א נארמאלען טעלעפאן, וועט ער זיין א נארמאלער מענטש!** די אלע וואס גייען ארום מיט די סמארט-פאונס בדרך כלל דערקענט מען אויף זיי א שינוי שפעטער, זייער מהות איז אנדערש געווארן פון דעם וואס זיי זענען געווען פריער, מען איז שטענדיג אדוק דעריין, און זיי קענען זיך נישט באפרייען דערפון. **אז מען דארף, זאל מען עס נוצן נאר אין געשעפט, אדער ווען מען זיצט אין די קאר וכדומה, אבער ווען מען דרייט זיך צווישן מענטשן, זאל מען זיין א נארמאלער מענטש, מיט א נארמאלע כשר'ן טעלעפאן.**

**לימוד** התורה. **א איד טאר נישט אדורכגיין קיין איין טאג אן דעם וואס מען לערנט תורה!** יעדן טאג דארף מען קובע זיין עתים לתורה. בראתי יצר הרע בראתי לו תורה תבלין. אין אלע קהילות איז דא חבורות וואס מען לערנט. **אז איינער האט נישט קיין ספעציעלן שיעור פאר זיך, דארף מען זיך קובע זיין און מיט-לערנען מיט איינע פון די חבורות וואס איז לבו חפץ בו,**

א לימוד וואס ער איז צופרידן, עס גיט א עול מיט א שיעבוד אז מען זאל לערנען. נעמען בחינות דערויף. פרובירט עס אויס, מען וועט זעהן אז מען ווערט א אנדערער מענטש אז מען לערנט מיט א בחינה, ער דארף עס אדורכגיין און זיך פארהערן דערויף.

**בדרך** כלל ווילן מענטשן אפשטופן, 'ווען מען וועט אנהייבן א נייע מסכת דעמאלטס וועט ער אנהייבן'. עס טאר נישט אזוי זיין. מען זאל אנהייבן אפילו אינמיטן א פרק, עס איז נישט קיין נפקא מינה, ווי מען האלט, דארט הייבט ער אן. ווען ער באקומט א התעוררות אז ער זאל אנהייבן צו לערנען, מעג ער אנהייבן אפילו אינמיטן א פרק. אז מען וועט ענדיגן נאר א האלבע מסכת, איז אויך נישט קיין חסרון. קובע זיין עתים לתורה, צו לערנען תורה יעדן טאג.

**תפלה.** מען האט פריער גערעדט, ווען א יוד האט זיך אנגעגרייט מיט אמונה און מען איז געווארן א שטיק אמונה, איז תפלה די איינציגע צייט וואס א יוד ברענגט ארויס ביי זיך מן הכח אל הפועל זיין נאנטקייט צום אייבערשטן. זיין התקשרות צום רבונו של עולם ווערט ארויסגעברענגט בשעת ער דאווענט. **פארוואס זאל נישט די שעה וואס מען דאווענט זיין א נארמאלער דאווענען. קום נישט אריין ביי הודו, נאר הייב אן צו דאווענען ביי ברכות, און דאווען מלה במלה, עס גיט צו אזויפיל באַטעמ'טקייט ווען א מענטש ליגט אין תפלה, ער שפירט א מקום ווי ער קען ארויסגעבן זיינע געפילן פארן רבונו של עולם.**

**דער** אייבערשטער זאל געבן, מיר זאלען קענען מקיים זיין אלעס וואס מען האט מקבל געווען אויף זיך, מען זאל קענען לעבן מיט די השראה פונעם יום טוב, מען זאל מיטנעמען דעם יום טוב אויף א גאנץ יאר. מען ווייסט דאך אז פסח איז א זמן פון אויסערגעווענליכע ברכות וואס קומען אראפ. מצה אליין איז א מיכלא דאסוותא, די וואס דארפן זאלן האבן רפואות, מען האט געגעסן מצה, עס ברענגט א רפואה. מיר ווייסן נישט ווי אזוי, אבער עס איז נאמנים עלינו דברי חז"ל, אז עס איז א מיכלא דאסוותא. - אין הייליגע ספרים שטייט, זיווגו של אדם איז קשה כקריעת ים סוף (סוטה ב.). פרנסה שטייט אין די גמרא (פסחים קיח.) איז קשה כקריעת ים סוף. יעצט אין א טאג וואס איז קריעת ים סוף, ווערט נתעורר א ישועה איןביידע. דער אייבערשטער זאל געבן פרנסה בהרחבה פאר יעדן איד, עס זאל זיין קריעת ים סוף פאר יעדן איד אין זיין פרנסה, דער אייבערשטער זאל צושיקן, אז עס זאל אנקומען גרינגערהייט, בהיתר ולא באיסור, א ערליכע פרנסה, און עס זאל זיין מיט א שפע. ווען דער אייבערשטער גיט, איז עס דאך מיט א שפע. די וואס דארפן זיווגים, און די וואס האבן שוין זיווגים, זאלן קענען אויסלעבן מיט זייערע זיווגים ווי עס דארף צו זיין, מיט אהבה אחוה שלום וריעות.

**אלעס** איז תלוי אין דעם יום טוב, דער יום טוב האט אין זיך השפעות פון בני און חיי ומזוני. אין **בני יששכר** (ניסן יג-ב) שטייט, אז אין פס"ח איז מרומז די דריי שמות פון פרנסה, פא"י ס'א"ל ח'ת"ך. און דער פסוק אך אשר יאכל לכל נפש הוא לבדו יעשה לכם, ווערט נאר דערמאנט ביי שביעי של פסח (שמות יב-טז). עס איז א זמן וואס איז מסוגל צוגעבן פרנסה פאר אידישע קינדער. זאל דער אייבערשטער געבן, יעדער איד זאל זיין מלא ברכות ה', עס זאל גארנישט פעלן פון קיין שום יודישע שטוב, מען זאל דינען דעם אייבערשטן מיט הרחבת הדעת בשמחה ובטוב לבב. מיר זאלן אלע אינאיינעם זוכה זיין בניסן נגאלו ובניסן עתידין להגאל (ר"ה יא.), זך שוכן מעונה קומם קהל עדת מי מנה, בקרוב נהל נטעי כנה פדויים לציון ברנה, מיר זאלן זוכה זיין אלע אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקינו במהרה בימינו אמן.

*

אחר ברכת המזון עברו קהל אנ"ש לקבל מצה מאת **רבינו שליט"א.**